# די באַלאַדע פון דעם איד
# וואָס איז געפאָרן אויפן יריד

קנאַקט מיטן בייטשל דריי מאָל דער איד:
„וויאָ, פערדעלעך, וויאָ!" — און אַוועק צום יריד,

ער גלעט זיך דאָס בערדל פאַר נחת און פרייד:
די כלה איז גרייט און דער נדן איז גרייט.

„וויאָ, פערדעלעך, וויאָ! איר האַרציקע מיין,
נאָך התונה־קליידער און ראָזשינקע־ווין!"

די פערדעלעך לויפן. אַ סומנע געוויין
לויפט נאָך נאָכן וואָגן: „ניין, טאַטעשי, ניין".

נאָר ס'שמייכלט דער ייד, ווי ער וואָלט נישט געהערט,
און הינטער אים לויפט ווי אַ שנירל די ערד.

אַ טייכל... אַ בריקל... אַ בוימל... פאַרביי —
זינגט זיך דאָס יידל „טאַמדערעדאַי".

די פערדעלעך לויפן. די נאַכט אָטעמט קאַלט
און מישט זיך צעניף מיטן רויש פונעם וואַלד.

אַ טייכל... אַ בריקל... אַ בוימל... פאַרביי —
זינגט זיך דאָס יידל „טאַמדערעדאַי".

די פערדעלעך לויפן. די נאַכט אָטעמט קאַלט
און שיקט אים אַנטקעגן די ערשטע געשטאַלט:

„סוחרל מיין, סוחרל פיין,
כ'האָב דיר געבראַכט אַ קריגעלע וויין"

פאַרשווינדט די געשטאַלט, קומט אַ צווייטע צו גיין
געבויגן און בלייך, ווי אַ ווערבע־געוויין:

„כ'האָב פאַר דיין טאָכטער געניית און געגרייט
פון סאַמעט און אַטלעס דאָס התונה־קלייד".

פאַרשווינדט די געשטאַלט. קומט אַ דריטע צו גיין
מיט אַ קריגעלע אַש און בלייבט טרויעריק שטיין:

„סוחרל מיין, סוחרל פיין,
וואו האָסטו געלאָזן דאָס טעכטערל דיין?

דאָס וואַסער פון טייכל איז אומעטיק־קלאָר,
דאָרט האָט זי געוואַשן די גאָלדענע האָר.

דאָס וואַסער פון טייכל איז אומעטיק זיס,
דאָרט האָט זי געוואַשן די קלאָר־ווייסע פיס".

און איידער די דריטע געשטאַלט פאַרשווינדט,
צעשיט זי דאָס אַש אויפן קאָפּ פונעם ווינט.

— — — — — — — — — —

וויאַ, פערדעלעך, וויאַ, איר טרויעריקע מיין,
נאָך חתונה-קליידער און ראָזשינקע-וויין!